# אַבֿרהם רייזען

## די גרויסע סוכּה

דאָס קלענסטע שטיבל אין גאַס איז געווען ברוכס. דאָס דאָזיקע שטיבעלע האָט געהאַט מער ענלעכקייט צו אַ כאַטקע אין אַ דאָרף איידער צו אַ שטעטלשן בנין, נאָר דער דאַך מיט צעפּוילטע שינדלען איז געווען אַן עדות, אַז דאָס שטיבעלע איז אַ שטעטלשע און די מזוזה בײַם טיר – אַז עס איז אַ ייִדישע.

דאָס שטיבעלע אינעווייניק האָט קיינע צימערן ניט געהאַט, די עלטערע טאָכטער האָט אַפֿילו אַ מאָל געפּרוּווט די צווייטע העלפֿט פֿון שטיבעלע, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַ הילצערנעם ניט געפֿאַרבטן אַלמער, אַ נאָמען געגעבן ״די פֿינצטערע קאַמער״, דאָס האָט זיך איר אָבער ניט אײַנגעגעבן . פֿינצטער איז אַפֿילו אין דער אַנדער העלפֿט געווען גענוג, אָבער קיין אײַנדרוק פֿון אַ ״קאַמער״ האָט דאָס געמאַכט. צוויי מאָל האָט זי עס מיט דעם דאָזיקן נאָמען אָנגערופֿן, אָבער, אַז די אַלע הויזיקע האָבן איר ניט אונטערגעהאַלטן, האָט זי אַליין אויך אויפֿגעהערט צו גלייבן אין די ריכטיקייט פֿון נאָמען, און זי האָט צוגלײַך מיט אַלע הויזיקע אָנגערופֿן די צווייטע העלפֿט – ״דער פֿינצטערער ווינקל״...

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַן אַלמער אין אַזאַ ענגען שטיבל איז ניט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט. הויך און שטאָלץ און קאַלטבלוטיק איז ער געשטאַנען אין מיטן שטיבעלע און האָט זיך ניט געלאָזן אַ קער טאָן דעם לעבעדיקן מענטשן... דער אַלמער איז אָבער געווען אַ ירושה פֿון ברוכס עלטערן און מען האָט זיך מיט אים געמוזט האַלטן, בעטנדיק אויף אים אַלע טאָג אין האַרצן אַ מפּלה...

אָבער נאָך מער אָפּקומעניש איז געווען דער אויוון. אָט דער אכזר האָט פֿאַרכאַפּט כּמעט דרײַ חלקים פֿון שטיבל. דער אַלמער איז זײַנער גאָר אַ נאָענטער שכן געווען, נאָר שטאַרק ליב איינע די אַנדערע האָבן זיי זיך ניט געהאַט: זיי האָבן ביידע זיך שטענדיק בייז אָנגעקוקט. סײַדן ערבֿ פּסח ווען צבֿיה, די בעל-הביתטע פֿון שטיבעלע

פֿלעגט דעם פֿאָרנט פֿון אויוון אָפּקאַלכן, דאַן פֿלעגט ער עפּעס אָנהייבן אַ ביסל ווי פֿרײַנדלעכער קוקן אויף זײַן שכן.

ווי קומט אין אַזאַ קליין שטיבעלע אַזאַ גרויסן אויוון, ווייסן אפֿילו ניט זײַנע בעלי-בתּים. דאָס שטיבעלע שטייט שוין אַוודאי הונדערטער יאָרן. ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ משוגעים פֿאַרצײַטן זײַנען געווען, וואָס פֿאַר אַ מיין זיי האָבן דערמיט געהאַט. זיי, די בעלי-בתּים, האָבן דאָס שטיבל ניט געקויפֿט. גלײַך נאָך ברוכס חתונה האָט דער פֿאָטער אים אַרײַנגעזעצט אַהער, און אָט אַזוי זיצט ער שוין עטלעכע צענדליק יאָר. צו דערגיין די געשיכטע פֿון דעם שטיבעלע האָט ער קיין צײַט ניט, ער האָט בילכערע זאַכן: ברוך איז אַ ייִד, וואָס האָט אַ ווײַב מיט אַ סך קינדער און מיט ווייניק פּרנסה...

בכן איז איינס פֿון די ערשטע אומגליקן אין ברוכס הויזגעזינד די ענגשאַפֿט. ברוכס ווײַב, צבֿיה איז אפֿילו אַ בריה אַ ייִדענע, די עלטערע טאָכטער האָט נאָך איר אַריבערגעשטיגן, און אָט די צוויי בריות אַרבעטן געננוג, כּדי צו מאַכן עפּעס אָרדענונג, געראַמקייט אין שטיבעלע. אָבער וויפֿל זיי זאָלן ניט אַרבעטן העלפֿט עס ניט. אָט איז נאָך אָנבײַסן; די מוטער און טאָכטער האָבן דאָס געזינד אַוועקגעלייגט אויפֿצורימען, מאַכן אַ שטיקעלע דורכגאַנג צום טיש, עס געדויערט אָבער ניט קיין צען מינוט, עס פֿאַלט עפּעס אַראָפּ אויף דער ערד, עפּעס ניט פֿאָרזיכטיק אַוועקגעשטעלט, עטוואָס די באַנק אַ דריי געטאָן, און אין שטיוול קען מען שוין ווידער נישט דורך גיין, כאָטש נעם און שפּרינג! וואָרעם אויסער דעם אַלמער און אויוון האָבן זיך נאָך, פֿאַרשטייט זיך ממלא, געפֿונען אין שטיבל צוויי בעטן, אַ טיש און צוויי לאַנגע בענק פֿון וועלכע איינע, די לענגערע, האָט מיט איר שפּיצן געלעכערט די ווענט; און קלענערע כּלי-בית.

– האָט אונדז דײַן טאַטע אַ ירושה געלאָזן! – פֿלעגט צבֿיה ניט איין מאָל "שטעכן" איר ברוכן, ווען די ענגשאַפֿט איז געווען ניט צו דערטראָגן, למשל בײַם אויסבעטן די בעטן, בײַם חלה באַקן, טשאָלנט רוקן און נאָך אַזוינע צײַטן פֿון הוא-האַ.

ברוך פֿלעגט איר קיין מאָל נישט ענטפֿערן, וואַרום ער אַליין איז אָט מיט דער דאָזיקער ירושה אויך ניט געווען צופֿרידן. כאָטש צײַטנווײַז פֿלעגט ער טראַכטן: פֿון דעסטוועגן פֿאָרט אַן אייגענער ווינקל...

אויסער וואָס די בעלי-בתּים פֿון שטיבעלע האָבן געליטן פֿון די ענגשאַפֿט פֿיזיש, האָבן זיי אויך גײַסטיק געליטן און מען קען זאָגן, אַז די גײַסטיקע לײַדער זײַנען פֿיל גרעסערע געווען...

אמת, ברוך איז געווען אַן אָרעמער ייִד, אָבער דאָך איז ער געווען אַ בעל-הבית, געשטאַמט פֿון שיינעם יחוס, איצע זלאַטעס למשל איז געווען זײַנער אַ גאָר אַ נאָענטער קרובֿ, און איצע זלאַטעס איז אַ ייִד אַן עושר... אויסער דעם דאָזיקן קרובֿ האָט ער געהאַט נאָך פֿיל קרובֿים: צבֿיהן איז אויך ניט געווען חלילה קיין עלענדע, אויך ניט פֿון אַ שטיין געבוירן. פֿון ביידע צדדים האָבן זיך אָנגעקליבן מומעס, פֿעטערס, שוועסטער-קינדער, שני בשלישי אַ היפּשע ביסל. און אָט טאַקע צוליב דער דאָזיקער משפּחה האָט ברוך מיט זײַן צבֿיה מיט דער עלטערער טאָכטער, געהאַט ניט זעלטן שפֿיכות דמים.

עס טרעפֿט זיך, און ניט זעלטן, אַז צבֿיה ווערט געלעגן מיט אַ ייִנגל. עס פֿאַרשטייט זיך אַז עס איז אַ שׂמחה, זאָל זײַן אפֿילו – דאָס דריטע ייִנגל. אין שטיבעלע איז טאַקע ענג, אָבער די ערשטע וואָך ליגט דאָס נײַ-געבוירן קינד נעבן דער קימפּעטאָרין און פֿאַרנעמט ווייניק פּלאַץ, שפּעטער אַז עס דאַרף האָבן אַ וויגעלע איז אויך ניט קיין בייז. צבֿיה האָט אַלע קינדער אויסגעהאָרעוועט אין הענג-וויגעלעך, וואָס דאָס פֿאַרנעמט נאָר אַ פּלאַץ אין דער לופֿטן, עלעהיי אַ צווייטער גאָרן... אָבער דעם ברית מאַכן איז ניטאָ ווו, אין ברוכס שטיבעלע קען זיך ניט אפֿילו דער נויטיקער מנין פּאַטויפּען און ווי געזאָגט, ברוך מיט צבֿיהן זײַנען בעלי-משפּחה און רופֿן מוז מען יעדן.

און דאָ הייבן זיך אָן די שפֿיכות דמים, די רײַכערע מומעס און פֿעטערס, וואָס זײַנען די גאַנצע "שיינדלי", קומען ערשט נאָכן ברית און אויך ניט אַלע צוזאַמען נאָר פּאָרווײַז, און ברוך מוז זיך פֿאַר יעדן פֿאַרענטפֿערן, וואָס איז אַזוי ענג, און וואַרפֿט פֿאַרצווייפֿלטע בליקן אויף די ווענט, ווי ער וואָלט וועלן זיי בעטן: ווערט עפּעס ברייטער, גזלנים!...

אָבער נאָך גרעסער זײַנען די שפּיכות דמים בײַ יעדן יום-טובֿ, ווען די קרובֿים ווי דער מנהג איז, לאַדן אײַן איינע די אַנדערע אויף "כּבוד".

– זאָלסט זיך אָקערשט ניט לאָזן בעטן אויף ברכה! – קלאַפּט אים אין שול אַ יעדער קרובֿ אין פּלייצע נאָכן יום-טובֿדיקן דאַווענען – למען השם מיט צבֿיהן און מיט די קינדערלעך. הערסט, ברוך?

ברוך הערט. ווו דען? ער וועט ניט גיין און אָנמאַכן אַ ברוגז?... אַוודאי קומט ער צו יעדערן מיט זײַן גאַנצען געזינד. מען מאַכט ברכה, מען ווינטשט לחיים, און נאָכן כּבוד, ווען ער דאַרף צו זיך רופֿן, לויט דער מנהג אין שטעטל, דינט אים ניט די צונג אַרויסצורעדן זײַן אײַנלאַדונג, און ער שטאַמלט קוים אַרויס:

– איצטער וואָלט מען געדאַרפֿט צו מיר גיין...

– איי"ה, אַז דו וועסט בויען אַ גרעסערע שטוב... גאָט וועט העלפֿן...

באַקומענדיק אַזאַ ענטפֿער, וויל ער צוריק ענטפֿערן: וואָס איז? אין אַ גוט לעבן איז ניט ענג. – וואָס קען זײַן אין גרונד, אַ קליגערער ענטפֿער?... אָבער דער ענטפֿער בלײַבט בײַ אים ווי אין האַלדז, און ברוך קען אים בשום אופֿן ניט אַרויסרעדן, כאָטש נעם און שלעפּ אים אַרויס פֿון דאָרטן מיט אַ האַנט...

און פֿאַרגעסנדיק צו באַדאַנקען "פֿאַר אַלעס גוטן", ווי דער דרך-ארץ איז, גייט ער אַרויס פֿון קרובֿ, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך דאָס געזינד, און אים דאַכט זיך, אַז ניט פֿון "כּבוד" גייט ער, נאָר פֿון אַ מאָלצײַט, וואָס אַ גבֿיר האָט געמאַכט פֿאַר אָרעמע לײַט.

און דאָס פּנים פֿלאַמט אים פֿאַר חרפּה, און מיטן דאָזיקן געפֿיל גייט ער אַוועק צו אַ צווייטן קרובֿ, אַ דריטן, אַ פֿערטן, וואָס דען? ניט גיין און אָנמאַכן אַ ברוגז?...

אָבער יעדער יום-טובֿ צו גיין אויף "כּבוד" און צו זיך די "משפּחה" קיין מאָל ניט אײַנלאַדן, וואָלט ברוך נישט געקענט פּועלן בײַ זיך פֿאַר קיין פֿאַל ניט. אַזוי געפֿאַלן זײַן וואָלט שוין אפֿילו ברוך, דער אָרעמער אין דער משפּחה, ניט געקענט.

פסח, שבֿועות, חנוכּה אויף לאַטקעס, פּורים צו דער סעודה, קען ער טאַקע צוריק צו זיך אויף כּבֿוד ניט רופֿן: זײַן שטיבעלע קען אַזאַ גרויסן עולם ניט אויפֿנעמען. דערפֿאַר אָבער איז דאָך דאָ נאָך אַ יום-טובֿ – סוכּות. סוכּות לאַכט ברוך פֿון דער גאַנצער וועלט!

ברוכס שטיבעלע איז טאַקע די קלענסטע אין גאַס, אָבער דער הויף איז דער גרעסטער. "פּלאַץ" איז אין שטעטל נישט קיין גרויסע מציאה, דער עיקר איז דאָס בויען, און ווען ברוך איז ניט ביכולת אויסצובויען אַ גרויס הויז אויף זײַן גרויסן הויף, קען ער אָבער דערפֿאַר אַוועקשטעלן סוכּות אַזאַ סוכּה, וואָס זאָל זײַן די גרעסטע פֿון אַלע סוכּות. ווען אַ גאַנץ יאָר לעבט ברוך מיטן הויזגעזינד אין ענגשאַפֿט, וויל ער כאָטש לעבן אין רחבֿות זיבן טעג אין יאָר. אַ חיי-שעה איז אויך אַ לעבן, בפֿרט זיבן טעג, – אַ קלייניקייט זיבן טעג אין גערעאַמקייט, הײַנט דאָס ניט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר דער משפּחה!...

און גלײַך נאָך יום-כּפּור נעמט זיך ברוך בויען זײַן פּאַלאַץ – די סוכּה. קודם-כּל שיקט ער אַרויף זײַן עלטערן בחורל אויפֿן בוידעם, וווּ עס ליגן אַ פֿיר-פֿינף ברעטלעך, אויך ירושה נאָך פֿון זײַן טאַטן. עס פֿאַרשעמט זיך, אַז די עטלעכע ברעטלעך, וואָלטן אפֿילו "אויף אַ צאָן נישט געקלעפּט" אויף אַ געוויינלעכער סוכּה. בפֿרט אויף אַזאַ גרויסע , ווי ברוך נעמט זיך פֿאַר צו מאַכן. מען דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז ברוך איז אַ גרויסער "עקאָנאָם", די סוכּה בויט ער ניט אין מיטן הויף, ער זאָל דאַרפֿן האָבן פֿיר גאַנצע ווענט, נאָר ער שטעלט זי צו צום וואַנט פֿון שטיבל. די סוכּה דאַרף דאָך זײַן גרעסער פֿאַר זײַן שטיבל, שטוקעוועט ער טאַקע צו צום וואַנט די עטלעכע ברעטער, וועלכן גרייכן ביז דעם שכנס גאָרטן, וואָס האָט צום גליק אַ פּאַרקאַן פֿון ברעטער. האָט שוין ברוך צוויי ווענט, כּמעט פֿאַרטיק, בלײַבט אים נאָך אַנדערהאַלבן, נעמט ברוך אַראָפּ די דרײַ ווינטער-פֿענסטער פֿון בוידעם, די צוויי טירעלעך פֿון אַלמער, דאָס איבעריקע באָרגט ער צו בײַ די שכנים, וועלכע "גייען אַרײַן אין זײַן לאַגע" און באָרגן אים פֿון דאָס לעצטע , און די סוכּה האָט שוין פֿירטהאַלבן ווענט און אַ חלול אויף אַ טיר. די טיר איז שוין ניט פֿון ברעטער, נאָר פֿון קאָלדרע און דווקא פֿון צוויי קאָלדרעס, ווײַל אַ גרויסע סוכּה מוז האָבן אַ גרויסע טיר און איין קאָלדרע קלעקט ניט...

אַז דער בנין פֿון דער סוכּה ווערט פֿאַרטיק און קיין מאַנסבילשע אַרבעט דאַרף זי שוין ניט, נעמען זיך צו איר ערשט די ווײַבער – צבֿיה מיט דער עלטערער טאָכטער. זיי קערן זי גוט אויס, שיטן אויס מיט געלן זאַמד און מען טראָגט אַרויס די גאַנצע מעבל פֿון שטיבל, ד.ה. דעם טיש מיט צוויי בענק און די צוויי טאַבורעטן אין סוכּה אַרײַן. דאָס שטיבל בלײַבט פּוסט, פֿילט זיך ווי באַליידיקט, און די פֿיר ווענט מורמלען דאַכט זיך: גרויסע יחסנים!... אָבער ווען מען פֿון הויסגעזינד ליגט יעצט אין קאָפּ דאָס שטיבל, ווען אויפֿן הויף שטייט אַזאַ גרויסע סוכּה! אַלע לאַכן איצט פֿון שטיבעלע און ווילן פֿאַרגעסן, אַז נאָך סוכּות וועט מען צוריק צו איר מוזן אָנקומען און זי וועט זיך גענוג דעמאָלט נוקם זײַן מיט איר ענגשאַפֿט...

ווער געדענקט אין אַ גליקלעכער צײַט, וואָס שפּעטער וועט זײַן?...

יעצט אָבער איז די סוכּה די איינציקע דירה פֿון הויזגעזינד און דאָס שטיבל דינט אַלס אַ קיך...

– אַ קיך – זאָגט צבֿיה איראָניש – איז אַ גאַנץ גרויסע...

דאָס שטיבעלע הערט און ווערט נעבעך צופּלאַצט און די פֿיר ווענט קלערן: וואַרט, וואַרט, מיר וועלן זיך מיט אײַך אָפּרעכענען!...

ווער הערט זײַן אָבער יעצט? די גרויסע סוכּה איז דערווײַלע די יחסנטע. די משפּחה וועט טאַקע אויף כּבֿוד אַהער קומען און ניט אין שטיבעלע.

און ווירקלעך, דעם אַנדערן טאָג יום-טובֿ פֿאַררופֿט ברוך אויף "ברכה" דאָס שיינדל פֿון זײַן משפּחה.

– איר וועט אָנקוקן אַ סוכּה! זאָגט ער מיט אַ שטאָלצן שמייכל: – אַ סוכּה – אַ פֿעלד! אַ רחבֿות!...

– אַהאַ! – ענטפֿערט אים ווער פֿון זײַן משפּחה – סוכּות ביסטו דאָך טאַקע אַ קייסער...

און די משפּחה גייט צו ברוכן אויף ברכה און ברוך נעמט-אויף מיט כּל הכּבֿודים, וואָס זײַן צבֿיה האָט פֿאַרן לעצטן גראָשן אָנגעגרייט, און ער שטייט הינטער זיי און באַדינט זיי מיט אַ שטראַלענדן פּנים,

און קען זיך ניט אײַנהאַלטן און מוז כאָטש צו אײנעם פֿון די קרובֿים אַ זאָג טאָן:

– מיר דאַכט זיך, אַז מײַן סוכּה איז גרעסער פֿון אײַערע...

דער "מיר דאַכט" איז נאָר פֿון אײדלקײט װעגן. ברוך איז זיכער אַז זײַן סוכּה איז די גרעסטע אין שטאָט.

און גרױס איז זײַן שׂמחה, װען דער רײַכסטער קרובֿ זײַנער ענטפֿערט אים מיט אַ מין געפֿעלנקײט:

– מײַן סוכּה איז אַ ברעקל... זיך ניטאָ װוּ אַ קער צו טאָן...

אָט דעם ענטפֿער געדענקט ברוך אַ גאַנץ יאָר און דער ענטפֿער גיט אים מוט און העזה צו גײן די איבעריקע יום-טובֿים צו זײַן משפּחה אויף כּבֿוד; נישט קשה, סוכּות באַצאָלט ער זײ כּפֿל-כּפֿלים...

---

באַאַרבעט און צוגעגרײט פֿון משה פֿעלער, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָװיץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved